ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## עקב

**(חלק יט — שיחה ה)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה
מאה ועשרים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר זי״ע

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת עקב, מבה״ח אלול, יז־כג מנחם־אב, ה׳תשפ״ב (ג)

# Likkutei Sichot

Copyright © 2022
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# עקב ה

**א. צוזאַמען מיטן ציווי אויף מצות מזוזה (בפרשתנו[1]) „וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך", זאָגט אָן די תורה (גלייך נאָכדעם[2]) אויך דעם** שכר **המצוה: „למען ירבו ימיכם וימי בניכם גו'"; און ווי עס ווערט אַראָפּגעבראַכט אַלס אַ** פסק־דין **אין שו"ע[3]: „כל הזהיר בה יארי־כו ימיו וימי בניו וכו'"[4].**

**אין דעם ענין הודעת השכר גלייכט זיך אויס מצות מזוזה מיט נאָך געוויסע מצות וואָס די תורה גיט צו וויסן בפירוש זייער שכר (ווי כיבוד או"א[5], וכיו"ב[6]); מ'געפינט אָבער אין מצות מזוזה אַן ענין נוסף וואָס מען געפינט ניט ביי אַנדערע מצות:**

**חז"ל[7] זאָגן — און דער טור[3] ברענגט עס אַראָפּ — אַז דורך דעם וואָס מ'איז קובע אַ מזוזה אויפן פתח הבית, היט דער אויבערשטער דעם בית („מלך בו"ד מבפנים ועבדיו שומרין אותו מבחוץ ואתם ישנין על מטתכם והקב"ה שומר אתכם מבחוץ"[8]);**

**וואָס אָט די שמירה, וואָס ווערט אויפ־געטאָן דורך מצות מזוזה, איז ניט אַן ענין פון** שכר **מצוה, נאָר דאָס איז (ווי דער ב"ח[9] איז מסביר) אַ „הנאה וריוח** מגוף **המצוה עצמה . .** נוסף **לו על השכר כו'". און דערמיט איז דער ב"ח מסביר דאָס וואָס דער טור שרייבט אַז די שמירה דורך דער מזוזה איז „גדולה מזה" — „גרעסער" פון דעם שכר „למען ירבו וגו'"[10] — ווייל דאָס איז אַ הנאה „מגוף המצוה עצמה".**

1) **יא, כ.**

2) **שם, כא.**

3) **יו"ד סרפ"ה. ובטור שם מוסיף „שהבית נשמר על ידה" ומפרש בב"י (בפי' הראשון*) ש„הוא נס נגלה".**

4) **שבת לב, ב. וצע"ק מאי קמ"ל הש"ך.**

5) **יתרו כ, יב. ואתחנן ה, טז.**

6) **וראה ספרי כאן (פסוק יט. הובא ברש"י), וכן לחד מ"ד שבת שם — ד„למען ירבו גו'" קאי גם על ת"ת.**

7) **ע"ז יא, א. מנחות לג, רע"ב. וראה ירושלמי פאה פ"א ה"א (הובא לקמן בפנים ס"ו). זח"ב לו, רע"א*. זח"ג רסג, ב. רסו, א. ועוד.**

8) **לשון הטור שם.**

9) **לטור יו"ד שם.**

10) **וראה עוד ביאורים במ"ש בטור „גדולה מזה" — בב"י שם. פרישה שם. ט"ז שם. ועוד.**

***)** וגם לפי' השני כן הוא, אלא שאין זה מספיק לבאר שעי"ז תהי' „גדולה מזה" בעיני האדם.

***)** בלקוטי לוי"צ לזהר שם (ע' נט) מפרש מ"ש בזהר („כתוב שמי ושוי לפתחך") ד„קאי על השם שד"י שבחוץ המזוזה שהוא השומר, ר"ת שומר דלתות ישראל". אבל בנצו"א שם (מרמ"ז שם) מפרש דקאי על כללות המזוזה שעולה שם אדנ"י. וגם בלקוטי לוי"צ שם כ' ד(רק) „**יותר** קרוב לפרש" דקאי על שד"י (כי „לפירושו (דהנצו"א) ששמי קאי על המזוזה גימט' אד', הרי תיבת מזוזה וכן שם אד' אין נכתב במזוזה ואיך אמר כתוב שמי"). אבל אינו שולל פירוש הנצו"א.

וי"ל דיש יתרון גם בפי' הנצו"א, כי מפשטות לשון הזהר „כתוב שמי ושוי לפתחך" משמע, דקאי [לא (רק) על ענין **פרטי** במזוזה (שד"י, או אפילו „והי' שמבפנים ושד"י שמחוץ שביחד גימט' שם" — לקולוי"צ שם. ומסיים ד„שוב מצאתי כן ברמ"ז" — כ"א] על כללות ענין המזוזה.

ויש לקשר זה **דכללות** ענין המזוזה הו"ע ד„כתוב **שמי**" (ועי"ז „אנא כו' לנטרא לך") — עם המבואר בסידור (רעה, ב ואילך) דמזוזה כוללת כל המצות ושקולה כנגד כל המצות, כי היא בחי' או"מ כללי שלכן היא שומר כללי לשמור כל אשר לאדם כו' — וע"פ הידוע (לקו"ת בהר מא, רע"ג. דרמ"צ קנב, ב. ד"ה אתה אחד תש"ב פ"ב. ועוד) דמה שנקרא **„שם"** בלשון המקרא נקרא אור בלשון הזהר והמקובלים, ואור הרי אין בו התחלקות (כי זה נעשה ע"י הכלים).

נאָך מער: דער ענין השמירה איז ניט קיין זייטיקע „הנאה וריוח״ פון מצות מזוזה, נאָר דאָס איז אַ עיקר אין מצות מזוזה, ובלשון התוספות[11]: „לשימור עביד״[11*].

ב. מצד דעם יתרון אין מצות מזוזה — אַז דער גוף המצוה איז אַ שמירה — איז דאָ אַ חילוק צווישן דעם אופן הקיום פון מצות מזוזה און דעם אופן הקיום פון אַנדערע מצות:

בכלל — מיט ברייינגען בפירוש דעם שכר המצוות, איז די תורה אויסן ניט סתם צו דערציילן וועגן דעם, נאָר — כפשוטו[12] של מקרא — צו מחזק[13] זיין דורכדעם און מזרז זיין דעם קיום המצוות. חז״ל[14] זאָגן דאָך: „לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות אע״פ שלא לשמה כו׳״, און דער רמב״ם ברענגט עס אַראָפּ להלכה אין הל׳ תשובה[15], און איז מסביר אַז אַזוי מוז זיין דער סדר הלימוד: „הקטנים וכו׳ אין מלמדין אותן אלא כו׳ וכדי לקבל שכר עד שתרבה דעתן ויתחכמו חכמה יתרה מגלין[16] להן רז זה[17] מעט מעט ומרגילין אותן לענין זה (דלשמה) בנחת כו׳״; און ווי ער איז אויך מאריך אין דעם אין פירוש המשניות שלו[17*], וואו ער זאָגט, אַז די וואָס זיינען נאָך ניט „משיגין האמת עד שיהיו כמו אברהם אבינו ע״ה״ — „מזרזין אותם ע״ז ומחזקים כוונתם״ צו טאָן מצות צוליב זייער שכר.

אָבער לאידך איז מובן, אַז ווען מ׳איז מקיים אַ מצוה בלויז צוליב איר שכר, פעלט דאַן אין שלימות הקיום פון דער מצוה, וויבאַלד דאָס איז „שלא לשמה״; נאָכמער: אפילו ווען ער טוט אַ מצוה כדי צו מקיים זיין „מצות בוראו״[18], ער איז אָבער דערביי מכוון „אף להנאת עצמו״[18] — ער גיט צדקה „בשביל שיחי׳ בני או שאהי׳ בן עוה״ב״[18*], וואָס כאָטש ער איז („בדבר זה״[19]) אַ „צדיק גמור״ — איז עס נאָך ניט דער שלימות׳דיקער אופן פון קיום המצוה[20].

משא״כ בענין השמירה של המזוזה, י״ל אַז וויבאַלד דאָס איז (ניט בתור שכר פאַר דער מצוה, נאָר) אַ תוצאה (און אַ חלק) פון דער מצוה גופא, איז דאָס ניט קיין חסרון אין שלימות הקיום ווען דאָס ווערט געטאָן צוליב שמירה, וואָרום דאָס איז דאָך מעניני המצוה; נאָך מער, כנ״ל פון תוספות, דאָס איז מטרת המצוה — „לשימור עביד״.

11) מנחות מד, א ד״ה טלית. וראה רש״י פסחים ד, א ד״ה חובת.

*11) וראה כד הקמח מזוזה: „לכך קבעה לנו תורה מצות מזוזה . . כדי שנתכוין אל העיקר הזה . . שהשמירה חלה בנו ושופעת עלינו וכו׳״, עיי״ש בארוכה.

12) ע״ד ההלכה ראה חולין קי, ב. ירוש׳ ב״ב ספ״ה.

13) ראה פרש״י ר״פ אחרי.

14) פסחים נ, ב. וש״נ.

15) פ״י ה״ה (וכן בהל׳ ת״ת פ״ג ה״ה). והנה ברמב״ם כ׳ „בתורה״ (כבירוש׳ חגיגה פ״א ה״ז) — אבל בפסחים שם — „בתורה ומצות״. וראה קו״א להל׳ ת״ת לאדה״ז (פ״ד ס״ג) דמבאר דעיקר החידוש הוא בתורה וצריך לאשמעינן, משא״כ במצות.

16) כ״ה בדפוסים שלפנינו. וי״ג „יתרה ואחר כך מגלים״, וי״ג „יתרה ומגלים״ (רמב״ם ס׳ המדע, ירושלים תשכ״ד).

17) ראה שבת (פח, א) מי גילה לבני רז זה — הקדמת נעשה לנשמע. וי״ל דתלוי זב״ז. וראה לקו״ת במדבר יג, ד.

*17) סנהדרין ר״פ חלק (סד״ה וכת החמשית). וראה כתר שם טוב (קה״ת) נז, א.

18) ל׳ רש״י פסחים ח, ריש ע״ב ד״ה ה״ז. וראה תוס׳ שם ד״ה שיזכה.

*18) פסחים שם, סע״א ואילך.

19) ל׳ רש״י שם. ועד״ז ברש״י ב״ב י, ב ד״ה ה״ז.

20) ראה עיון יעקב לע״י פסחים שם.

נאָכמער: איינער פון די טעמים[21] וואָס מ׳דאַרף קובע זיין די מזוזה „בטפח הס־מוך לרה״ר״ איז „כי היכי דתינטרי״״, ד. ה. אַז דאָס וואָס די מזוזה איז אַ שמירה איז ניט נאָר וואָס מ׳קען עס האָבן אין מחשבה בעת קביעת המזוזה, נאָר דאָס באַשטימט דעם אופן קיום המצוה, און דאָס קומט במעשה בפועל[22] — ווי דער טור[23] ברענגט עס דאָרט אַראָפּ בהמשך דבריו.

ג. לכאורה קען מען פרעגן: דער טור אַליין איז דאָרט מסיים (נאָכן אַראָפּברענגען דעם אויבנדערמאָנטן דין): „ומ״מ לא יהא כוונת המקיימה אלא לקיים מצות הבורא ית׳ שצונו עלי״״ — אַז מ׳זאָל ניט מכוון זיין אַז די מזוזה איז לשם שמירה?

איז אָבער — דער טור זאָגט דאָס ניט בלשון של איסור, אויך איז ניט מסתבר, אַז דער טור קומט דאָ זאָגן אַז מ׳דאַרף בכלל ניט טראַכטן ביי קיום מצות המזוזה אַז דאָס איז אַ שמירה — ווייל, כנ״ל, מה־דאָך אַז אופן קיומה איז דוקא דורך אַ פעולה וואָס ווייזט אַז ענינה איז שמירה, איז דאָך כ״ש אַז מ׳מעג טראַכטן אַזאַ מחשבה;

נאָר דערמיט איז ער נאָר שולל אַז ביים קיום מצות מזוזה דאַרף ניט זיין די כוונה אַז מ׳טוט עס צוליב דער תועלת השמירה וואָס מ׳האָט פון דער מצוה, וואָרום ער וואָלט זי מקיים געווען מיט דעם זעלבן חשק והידור ווען עס וואָלט דערביי ניט געווען קיין ענין פון שמירה כלל, נאָר עס דאַרף זיין „לקיים מצות הבורא ית״״; אָבער לאידך מעג מען בעת מעשה האָבן אין זינען, אַז די מצוה באַ־שטייט אין דעם, וואָס דער אויבערשטער האָט געהייסן אַ אידן מאַכן אַ שמירה אויף זיין בית —

און אפילו דאַן, ווען מ׳טוט די מצוה בלויז צוליב דער תועלת השמירה, איז עס קיום המצוה (נאָר וואָס דען —) שלא לשמה, וואָס אויך דעמאָלט (באַ זייער מצב בדעת וחכמה וכו׳) איז כנ״ל (בלשון הרמב״ם): „מזרזין אותם ע״ז ומחזקים כוונתם״.

ד. לכאורה קען מען אויף דעם פרעגן: דער רמב״ם[24] פסק׳נט (און דער טור[25] ברענגט עס אַראָפּ): „אלו שכותבין מבפ־נים שמות המלאכים . . הרי הן בכלל מי שאין להן חלק לעוה״ב שאלו הטפשים לא די להם שבטלו המצוה אלא שעשו מצוה גדולה וכו׳ כאילו הוא קמיע של הניית עצמן וכו״ —

ד. ה. אַז דאָס וואָס די מזוזה ווערט באַטראַכט ווי אַ „קמיע של הניית עצמן״ (צוליב אַ שמירה) איז עס ניט בלויז אַן ענין פון שלא לשמה, נאָר אויך אַ „טפ־שות״, און נאָך מער — „ה״ה בכלל מי שאין להם חלק לעוה״ב״[26]?

[דאָס וואָס דער רמב״ם זאָגט אַז „בטלה המצוה״ — מ׳איז מבטל די מצות מזוזה (זי איז פסול), איז ניט שייך בנדו״ד, ווייל דער פסול איז (ניט צוליב

21) מנחות לג, ריש ע״ב.

22) וכן כותבים שם שד״י מבחוץ שהוא ר״ת „שומר דלתות ישראל״ (סידור האריז״ל (כוונת מזוזה). משנת חסידים מס׳ מזוזה פ״ג מ״ט. ובכל בו הל׳ מזוזה (הובא בד״מ יו״ד סרפ״ח): שומר דירת ישראל), ובזח״ג רסו, א (וראה שם עו, ב): „שד״י מלבר למהוי נטיר ב״נ מכל סטרין מלגאו ומלבר״. וראה בחיי ואתחנן ו, ט. וראה דרכי משה (ורמ״א) יו״ד סו״ס רפה: „יניח ידו כו׳ ויאמר ה׳ שומרי כו״. ועוד.

23) יו״ד שם.

24) הל׳ מזוזה פ״ה ה״ד.

25) יו״ד סו״ס רפח.

26) ראה שד״ח כללים מ״ם כלל קיד.

דעם וואָס „עשו מצוה גדולה כו׳ כאילו הוא קמיע כו׳״, נאָר) צוליב דעם וואָס מ׳האָט מוסיף געווען („שמות המלאכים וכו׳״) אין פנים המזוזה — און דער רמב״ם פסק׳נט אין דער פריערדיקער הלכה: „הוסיף מבפנים אפילו אות אחת הרי זה פסולה״[27];

און דאָס וואָס דער רמב״ם איז ממשיך „שעשו מצוה גדולה וכו׳״ איז (ניט קיין טעם נאָר) אַ הוספה אויף „בטלו המצוה״, און אַ הסברה ונתינת טעם אויף „ה״ה בכלל מי שאין להם וכו׳״].

ה. אָבער אין אמת׳ן קען מען ניט לערנען אין דער הלכה פון רמב״ם, אַז דער איסור באַשטייט נאָר אין דעם וואָס ער האָט אַ כוונה שלא לשמה (צו נוצן די מזוזה אַלס אַ שמירה ל„הניית עצמן״) — ווייל נוסף אויף דעם, וואָס ס׳איז שווער צו זאָגן אַז צוליב דעם זאָל ער אָנגערופן ווערן „טפש״ — וויבאַלד אַז לשימור עביד (כנ״ל) — און בפרט ביז אַז „ה״ה בכלל מי שאין להם חלק לעוה״ב״ — בשעת׳ן פס״ד מפורש אין רמב״ם[28] אַז „הבריא שקרא פסוקין כו׳ כדי שתגן כו׳ ה״ז מותר״, ד. ה. מ׳מעג נוצן דברי תורה אַלס אַ הגנה און מ׳זאָגט ניט אַז דורך דעם מאַכט ער פון תורה אַ „קמיע של הניית עצמן״ וכו׳;

נאָר דער רמב״ם אַליין איז עס מסביר דערמיט וואָס ער איז מוסיף (נאָך די ווערטער „כאילו הוא קמיע של הניית עצמן״): „כמו שעלה על לבם הסכל שזהו דבר המהנה בהבלי העולם״:

דאָס וואָס זיי שרייבן אַריין אין דער מזוזה „שמות המלאכים וכו׳״ (הגם די מזוזה אַליין איז אַ שמירה), איז אַ באַווייז אַז ביי זיי איז די מזוזה אינגאַנצן ניט קיין ענין של מצוה (— ווייל וואָס פאַר אַן אָרט האָט עס צו מוסיף זיין אין דער מצוה[29] און שמירה של הקב״ה?), נאָר אַ „קמיע של הניית עצמן״, אַז דאָס איז צוליב זיינע הנאות, וואָס זיינען „הבלי העולם״;

און דעריבער איז עס אַ טפשות, וואָרום אַ מזוזה איז אַ שמירה נאָר דערפאַר וואָס דאָס איז אַ מצוה און זי טוט אויף די שמירה, אין דער צייט וואָס זיי (דורך מוסיף זיין אין דער מזוזה) נאַרן זיך און מיינען, אַז די שמירה איז ניט פון דער מצוה, נאָר פון אַ „קמיע של הניית עצמן״, וואָס מהאי טעמא איז ביי זיי רעכט אַז ס׳איז אַ „דבר המהנה בהבלי העולם״; און דעריבער „אין להם חלק לעוה״ב״, ע״ד ווי מ׳געפינט עס אינעם דין[30] אַז די וואָס „עושין דברי תורה רפואת גוף״ זיינען זיי „בכלל הכופרים בתורה״, ווייל תורה איז נאָר „רפואת נפשות״[31].

27) וראה רא״ש סוף הל׳ מזוזה שלו (ועד״ז בפסקי הרא״ש לרי״ף הל׳ מזוזה בסופם) — נעתק בטור שם — דכתב רק „שבפנים אין להוסיף מאומה כו׳ לפי שנראה כאילו כו׳ קמיע לשמירה כו׳״, ולא כתב שעי״ז „בטלו המצוה״ — כי לא הביא (ועד״ז בטור שם) בכלל פסק הרמב״ם ד„הוסיף מבפנים אפילו אות אחת ה״ז פסולה״ (ועד״ז בשו״ע וברמ״א (שם) כ׳ רק דאסור להוסיף מבפנים, ולא שהמזוזה נפסלת עי״ז). ואכ״מ.

28) הל׳ ע״ז פי״א הי״ב.

29) משא״כ כש„כותבים . . מבחוץ . . שד״י״ — ד„אין בזה הפסד לפי שהוא מבחוץ״ (רמב״ם הל׳ מזוזה שם).

30) רמב״ם הל׳ ע״ז שם.

31) ברא״ש (שצויין בהערה 27) כ׳ בקיצור ד„בפנים אין להוסיף מאומה כו׳ שנראה כאילו מכוין לעשות לו קמיע לשמירה״ — ומדהשמיט (ממ״ש הרמב״ם): א) דאין לו חלק לעוה״ב, ב) שהוא טפש, ג) שחושב שהוא „דבר המהנה בהבלי העולם״ — משמע, שמצד זה לחוד שמכוין שהמזוזה היא שמירה אסור,

אבל מזה שמדגיש „קמיע לשמירה״ מוכח, דהאיסור הוא רק כשמכוין שהמזוזה אינה מצוה כ״א „קמיע״ כבפנים [וסיום דברי הרא״ש „אלא

משא״כ ווען איינער איז קובע אַ מזוזה כשירה און איז גאָרניט מוסיף אין דער מזוזה, נאָר ביים קיום המצוה האָט ער די מחשבה אַז ער טוט עס ווייל ער וויל די שמירה פון דער מצוה[32], איז עס לכל היותר אינעם גדר פון קיום המצוה שלא לשמה[33].

ובפרט ווען ער טוט עס ניט בלויז אַלס אַ שמירה, נאָר ער איז מכוון צו מקיים זיין אַ מצוה פון דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט געהייסן אַרויפלייגן אַ שמירה אויפן פתח הבית — איז ער דעמאָלט מקיים די מצוה בשלימותה[34].

ו. עפ״י האמור לעיל, אַז די שמירה וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך מזוזה איז ניט אַ „שכר״ אָדער „סגולה״ נוספת אויף דער מצוה, נאָר דאָס איז מענין המצוה גופא — ווערט פאַרשטאַנדיק אַ דבר פלא וואָס מ׳געפינט בקשר צו מצות מזוזה:

די משנה (אין מס׳ כלים[35]) רעכנט אויס כמה כלים וואָס האָבן אַ בית קבול (און דעריבער „הרי אלו טמאין״), און איינער פון זיי איז: „מקל שיש בו בית קבול מזוזה״. זאָגט דאָרט דער תוספות יו״ט: „ואפשר שהיו אנשים בזמן המשנה נו־שאים מזוזה עמם וחשבו זה למצוה ולש־מירה להם״;

וואָס פון דעם וואָס מ׳ברענגט אַראָפּ די מציאות פון „מקל שיש בו כו׳״ צוליב שמירה און מ׳איז עס ניט מבטל[36], איז משמע, אַז אָט די הנהגה האָט אַן אָרט[37].

ובאמת איז משמע (און נאָכמער — מוכח) פון ירושלמי, אַז די מזוזה גופא האָט אין זיך סגולת השמירה, אפילו ווען ס׳איז דערביי ניטאָ ענין קיום המצוה:

---

יעשה המצוה כתיקונה לקיים מאמר הבורא ית׳ והוא ישמרנו וצלנו* על יד ימיננו״ — ה״ז גופא כוונת האדם, שעושה מצוה שע״י „הוא ישמרנו וכו׳״],

ומה שהשמיט הרא״ש כהנ״ל — כי איירי גם כשאינו מכוין שהמזוזה היא קמיע כו׳ דמ״מ אסור להוסיף בפנים המזוזה כי „נראה כאילו מכוין כו׳״.

32) ולהוסיף: אם לא הוסיף שמות המלאכים כו׳, גם אם כיוון שהמזוזה היא „קמיע של הניית עצמן . . דבר המהנה בהבלי העולם״, אין ברורה דעת הרמב״ם האם עי״ז נפסלת המזוזה, דאפ״ל דאף שהעושה כן הוא טפש ואין לו חלק לעוה״ב, מ״מ, המזוזה כשירה. וראה לעיל הערה 27.

33) ומ״ש בכס״מ (להל׳ מזוזה שם) בתי׳ הב׳: „וגם אין הכוונה בעשייתה לשמור הבית אלא צריך שיכוין לקיים מצות הקב״ה וממילא נמשך שתשמור הבית״ — י״ל דאין כוונתו שזהו האיסור וה„טפשות״, כ״א בא לתרץ מ״ש הרמב״ם „שעשו כו׳ כאילו הוא קמיע של הניית עצמן כו׳״, דלכאורה משמע שבפועל אינה (שהמזוזה אינה שמירה כו׳) — ועל זה כותב ב׳ ענינים: א) „דאין הכי נמי שהמזוזה שומרת הבית כשהיא כתובה כתקנה לא** המלאכים הכתובים בה מבפנים״ — היינו, שמזוזה זו (שהוסיף בה שמות המלאכים כו׳) אינה שמירה. ב) „וגם אין הכוונה בעשייתה כו׳ אלא צריך שיכוין לקיים מצות הקב״ה וממילא נמשך שתשמור הבית״ — דגם מזוזה כשירה אינה „קמיע״ כ״א מצוה, ועי״ המצוה „ממילא נמשך שתשמור הבית״ [בסגנון אחר: זה ש„ממילא נמשך שתשמור הבית״ הוא ג״כ חלק מהמצוה וע״ד הנ״ל הערה 31 בדעת הרא״ש].

34) וראה רמב״ם שם (נעתק לעיל הערה 29) בנוגע לכתיבת שם שד״י מבחוץ ד„אין בזה הפסד״ — אף שענינו שמירה, כנסמן לעיל הערה 22.

35) פי״ז מט״ז.

36) ומ״ש בתויו״ט „וחשבו זה״, דמשמע דאינו כן — קאי על „למצוה״ (ושמירה של מצוה). אבל ראה תוס׳ אנשי שם שם.

37) ולהעיר, דעל שולחן הכתיבה והלימוד של כ״ק מו״ח אדמו״ר היתה מונחת מזוזה — ראה לקו״ש ח״ט ע׳ 261.

---

*) בפסקי הרא״ש להרי״ף: ויצילנו. ובטור: והוא שומרנו והוא יצילנו.

**) הטעם שהכס״מ מוסיף „לא המלאכים וכו׳״ ואינו מסתפק במ״ש „שהמזוזה שומרת הבית כשהיא כתובה כתקנה״ (וכאן **אינה** כתובה כתקנה שהרי הוסיף בפנים המזוזה) — כי באם היו המלאכים שומרים: 1) הרי מזוזה **זו** היא קמיע ג״כ — היפך ממש״כ דרק **„כאילו״**. 2) אין הכרח שעשו **המצוה** קמיע — כ״א רק שמות המלאכים.

עס ווערט דערציילט אין ירושלמי[38], אַז רבינו הקדוש האָט געשיקט אַ מזוזה צו ארטבון — אַ נכרי[39] — און האָט אים געזאָגט אַז ער שיקט אים „מילה דאת דמך לך והיא מנטרא לך"; ד. ה. הגם אַז אַ נכרי איז ניט אין גדר פון קיום מצות מזוזה[40], פונדעסטוועגן איז אויך אין דעם פאַל שייך דער ענין פון „מנטרא לך" וואָס איז דאָ אין מזוזה.

[ובפרט לויטן המשך און אויספיר פו־נעם סיפור, וואָס ווערט געבראַכט אין שאלתות[*40], אַז דורך דעם וואָס ארטבון האָט גענומען די מזוזה וכו' האָט זיך גלייך אויפגעטאָן די שמירה און „מיד ברחה אותה שדה כו'"].

ולכאורה איז עס אַ דבר תמוה: ווי־באַלד מ'האָט זיך נוהג געווען אַריינצו־טאָן אינעם „מקל" אַ מזוזה דווקא, איז עס דאָך אַ הוכחה אַז מ'האָט דאָס גענומען ניט אַלס סתם אַ פרשה פון תורה (וועלכע איז — בכלל — מגין[41]), נאָר אַלס (שמירה פון) אַ מזוזה — ווי איז דאָ שייך דער גדר פון שמירה פון אַ מזוזה? דער דין[42] איז דאָך, אַז „תלאה במקל פסולה", און ווי די גמרא[43] איז נאָך מדגיש: „סכנה ואין בה מצוה", וכפירוש רש"י[44] „סכנה — מן המזיקים שאין הבית משתמר בה עד שיקבענה בצורת הפתח כהילכתה".

[און כאָטש די גמרא דערציילט דאָרט, אַז „של בית מונבז המלך היו עושין בפונדקותיהן כן זכר למזוזה", און ווי מ'געפינט בכמה מצות, אַז מ'מאַכט אַ זכר צו אַ מצוה (ווען מען קען איר ניט מקיים זיין), אַזוי ווי די „זרוע" וואָס מ'נעמט בליל פסח זכר צום קרבן פסח[45] — גע־פינט מען אָבער ניט אַז דורך אַ זכר[46] זאָל מען באַקומען דעם שכר המצוה כו'; וכמובן הטעם — הגם דאָס איז טאַקע אַ „מעין" און „זכר" (ע"פ תורה) צו דער מצוה, איז אָבער דער שכר פאַרבונדן מיטן קיום המצוה].

ע"פ הנ"ל איז מובן: וויבאַלד די שמירה שע"י המזוזה איז פאַרבונדן מיטן גוף המזוזה, במילא איז שייך אַז אַ מעין פון דעם ענין השמירה איז פאַראַן אין דער מזוזה אַליין, אפילו איידער מ'איז דערמיט מקיים מצות מזוזה, וויבאַלד זי איז געשריבן געוואָרן לשם מזוזה וכו', אָדער אפילו ווי באַ ארטבון.

ז. דערמיט קען מען אויך מסביר זיין אַ פלא'דיקן סיפור, וואָס כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט דערציילט[*46]: בעת ער האָט זיך געפונען אין מאסר, האָט מען ביים ערשטן פאַרהער אים געפרעגט צי ער ווייס וואו ער געפינט זיך? דערויף האָט ער געענטפערט: „אַוודאי ווייס

38) פאה פ"א ה"א. הובא בב"ר ספל"ה.

39) בפני משה לירושלמי שם כ' שהי' „יהודי חשוב". אבל ראה בס' שהובאו בעמודי ירושלים (לר"י אייזנשטיין) לירושלמי שם. שד"ח כרך ט דברי חכמים סקל"ה.

40) ויתרה מזה, בית בשותפות נכרי פטור ממזוזה (שו"ע יו"ד ר"ס רפו. עיי"ש במרדכי וכו').

*40) סי' קמו.

41) ראה רמב"ם דלעיל בפנים ס"ה (ע"פ שבועות טו, ב).

42) מנחות לב, סע"ב. רמב"ם הל' מזוזה פ"ה ה"ח. טור יו"ד סרפ"ט.

43) מנחות שם.

44) אבל ראה תוס' שם ד"ה סכנה.

45) שיש לו קצת שייכות להקרבן, שלכן עושים כמה הרחקות שלא יהא כל דמיון להקרבן — ראה הגש"פ עם לקוטי טעמים ומנהגים ע' ו (בהוצאת תשל"ג ולאח"ז).

46) משא"כ בלימוד תורת הבית (ביהמ"ק) שהוא לא רק כזכר למקדש, מפני דציון בעי דרישה (ר"ה ל, א), כ"א בעיקרו מפני שעי"ז „מעלה עליהם כאילו הם עוסקין בבנין הבית" (תנחומא פ' צו יד. ויק"ר פ"ז, ג). וראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 412 ואילך.

*46) ספר השיחות תש"ב ע' 82.

איך, אַז איך געפין זיך אין אַזאַ פּלאַץ, וואָס איז פטור פון אַ מזוזה, עס איז דאָ ערטער וועלכע זיינען פטור פון אַ מזוזה, ווי בית דיר של סוסים[47] ובית הכסא".

ולכאורה אינו מובן: פאַרוואָס האָט כ"ק מו"ח אדמו"ר אויסגעקליבן אַן ענין שלילי — אַז דאָס איז אַ מקום וואָס איז פטור פון מזוזה? לכאורה וואָלט געווען מער מתאים צו ענטפערן מיט אַן ענין חיובי, אַז ער געפינט זיך אין אַן אָרט וואָס (אויך) דאָרט איז דאָ השגחה פּרטית[48] — ובפרט אַז ער איז דאָס מדגיש דערציילענדיק פרטי המאסר פאַר'ן פאַרהער און נאָכדעם — אַז ס'איז „מלא כל הארץ כבודו" וכדומה?

ובמיוחד אַז כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט געוואָלט ווייזן (ווי ער האָט דערציילט כמה פעמים[49]) אַז ער פירט זיך מיט אַ תקיפות און רעכנט זיך אינגאַנצן ניט מיט זיי, ביז אַז זיי זיינען „כאילו אינם וכאין ואפס ממש"[*49] — וואָלט דאָך געפּאַסט צו זאָגן דוקא ענינים הנ"ל?

נאָר דער ענין אין דעם — י"ל: כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט אויך דאָרט, אין מאסר, געוואָלט האָבן די שמירה פון מזוזה; וויבאַלד עס איז ניט געווען שייך צו מקיים זיין די מצוה כפשוטה, האָט ער דעריבער געטאָן וואָס ער האָט געקענט אויף צו מאַכן אַ „זכר" צום ענין המזוזה, און נאָכמער — רעדן אין תורת מזוזה (וואָס דורכדעם ווערט נמשך אַ מעין פון שמירת המזוזה).

און דערפאַר האָט ער געזאָגט און מברר[50] געווען אָט די הלכה, אַז דער אָרט וואו ער האָט זיך געפונען איז פטור ממזוזה, וואָס דערמיט האָט זיך אויפגעטאָן די שייכות צום ענין המזוזה אין אַ צווייענדיקן אופן: (א) דורכן לימוד פון הלכות מזוזה איז דאָ פס"ד חז"ל „כל העוסק בתורת כו' כאילו הקריב כו'"[51] — כאילו ער איז דאַן מקיים מצות מזוזה; (ב) דורך דעם וואָס ער האָט מברר געווען די הלכה אַז דער בית (ער איז בגדר וכתבתם על מזוזות ביתך[52] — אָבער בנדו"ז) איז פטור ממזוזה — האָט עס פועל געווען אַ שייכות (ניט נאָר מיט „תורת" מזוזה, נאָר אויך) מיט מצות מזוזה — אַ שייכות שליליות: דער בית איז פטור ממזוזה[53].

47) ראה פתחי תשובה יו"ד סרפ"ו (סק"ב דעכשיו פטור כיון ד„רואים בחוש דנפיש זוהמייהו".

48) להעיר מלקו"ד ח"ד תרכו, ב בהערה.

49) ראה ספר השיחות שם. לקו"ד ח"ד תרכו, א. תרלט, ב. סה"ש תש"א ע' 138.

*49) סה"ש תש"א שם.

50) ראה אגה"ק סכ"ו (קמד, ב): והמשכיל יבין ענין פלא כו' – ולהעיר דחדר החקירה פטור ממזוזה מפני דאינו „ביתך", בית דיר כו' – מפני הוזהמא כו' אסור לקבוע בו מזוזה, ובכ"ז מדמה זל"ז. ואכ"מ.

51) מנחות קי, א. הובא להלכה בשו"ע אדה"ז או"ח סי' א' סי"א (במהדו"ת – סוס"א).

52) משא"כ כשאין בו ד' אמות על ד"א וכיו"ב (שו"ע יו"ד סרפ"ה סי"ג).

53) שזהו אחד מהביאורים במ"ש (שופטים יח, יג) „תמים תהי' עם ה"א" ומפרש אדה"ז (לקו"ת נצבים מה, ג) שע"י המצות האדם שלם („תמים") בכל אברי נפשו משא"כ אם חיסר מצוה א' חסר א' מאברי נפשו כו' – דלכאורה: מכיון שיש תרי"ג אברי נפשו כנגד תרי"ג מצות (ראה אגה"ק סכ"ט בתחילתו), הרי במצב שאא"פ לקיים מצוות מסויימות (כמו בזמן שאין ביהמ"ק קיים, וכיו"ב) נמצא שאא"פ להאדם להיות „תמים" בכל אברי נפשו?

וי"ל [נוסף ע"ז שמזה גופא שנמצא במצב שאא"פ לו לקיים מצות אלו ה"ז הוכחה שכבר קיים אותן בגלגול הקודם – ראה אגה"ק שם – הרי] שאז שלימות האברים התלויים במצות אלו היא ע"י: א) לימוד „תורת" מצות אלו שעי"ז „כאילו הקריב כו'". ב) זה גופא שמקיים מצות התורה שלא לעשות מצות אלו במצב שאסור לעשותם (לא להקריב קרבן כו', וכיו"ב) הוא שמירת (דיני) המצוה. ולהעיר מלקו"ש ח"ה ע' 148 הערה 45. – ראה בכ"ז קרית ספר להמבי"ט בהקדמתו פרק ז.

— **בסגנון אחר קצת:**

**די** שייכות **פון אַ בית צו אַ מזוזה קען זיין אויף צוויי אופנים: א) אַ בית וואָס איז מחוייב אין מזוזה, איז די שייכות אין אַן אופן** חיובי **— דורך קובע זיין די מזוזה על פתח הבית. ב) אַ בית וואָס איז פטור ממזוזה — איז די שייכות אין אַן אופן שלילי: מען פאָלגט אויס ציווי התורה און מ'איז** ניט **קובע דאָרט אַ מזוזה —**

**וי"ל אַז דאָס איז געווען דער טעם פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואָס ער האָט בוחר געווען צו זאָגן אַז ער געפינט זיך אין אַ** בית **וואָס איז פטור** ממזוזה, **ווייל דאָס האָט ממשיך געווען אַ ענין של שמירה פון מזוזה.**

**ח. פון דעם אַלעם איז פאַרשטאַנדיק דער גודל הזכות וואָס איז דאָ אין דער השתדלות פון "מבצע מזוזה" ובפרט בי־מינו אלה:**

**אידן זיינען דאָך ככבשה אחת בין ע' זאבים[54], וואָס זייער הילף איז דער "רועה שמצילה ושומרה כו'"[54]; ובמיוחד נאָך די לעצטע מאורעות, אין וועלכע מ'האָט געזען** במוחש **אַז עס האָט גע־פעלט אין די בתים** פון די געליטענע, **אין קיום מצות מזוזה[55], וואָס דער שם, גע־שריבן אין אַן אופן אַז מען זאָל עס זעהן ווען די מזוזה איז שוין צוזאַמען געוויקלט איז** ש־ד־י **ר"ת שומר דלתות ישראל[56] — איז דער שם (ושמירתו) ניט געווען באַ זיי —**

**דאַרף זיין די השתדלות** הכי **גדולה אַז** יעדער **אידישע הויז זאָל האָבן אַ מזוזה אויף** אַלע טירן **המחוייבים במזוזה און זי זאָל זיין אָנגעקלאַפּט כהלכתה;**

**און די השתדלות דאַרף זיין סיי ביי אנשים, און סיי ביי נשים וועלכע זיינען מחוייב אין מזוזה פונקט ווי אנשים[57], ובפרט ווי די גמרא[58] איז מסביר: "גברי בעי חיי נשי לא בעי חיי"[59] [ועוד: זייענ־דיק די "עקרת** הבית**", ליגט אויף איר אַ ספּעציעלע פליכט צו באַוואָרענען עניני הבית — במילא אויך שמירת הבית דורך "מזוזות** ביתך **גו'"];**

**און דורך דעם ווערט אַ שמירה אויפן בית און אויף אַלץ וואָס געפינט זיך אין בית, און נאָכמער (ווי עס שטייט אין זוהר[60]): די שמירה איז אין אַן אופן פון "הוי' ישמר** צאתך **ובואך מעתה ועד עולם" — אפילו אַרויסגייענדיק פון בית,**

**און וויבאַלד אַז כל ישראל ערבים זב"ז[61], און אַלע אידן זיינען אַ "קומה אחת"[62], איז פאַרשטאַנדיק, אַז דורך דער הוספה פון קיום מצות מזוזה פון** יעדער איינציגן **חדר המחויב במזוזה — ווערט ניתוסף אויך אין דער שמירה פון דער גאַנצער קומה, פון כל ישראל, פון** יעדער **איד, אנשים נשים וטף, בכל מקום שהוא,**

**ובלשון הכתוב: הוי' ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם.**

(משיחות חגה"ש וש"פ בהעלותך תשכ"ז, י"ב תמוז תשל"ד)

---

54) תנחומא תולדות ה.

55) כמדובר בארוכה בההתועדויות דש"פ מטו"מ, אור ליום כ"ט תמוז. וש"פ חזון תשל"ו.

56) ראה לעיל הערה 22.

57) משנה ברכות (כ, ריש ע"ב). רמב"ם הל' מזוזה פ"ה ה"י. טושו"ע יו"ד סו"ס רצ"א.

58) קדושין לד, א. יומא יא, ב.

59) וראה "מילואים" — עה"ג בשו"ע הוצאת ראם (ואופסעט ממנה) — ליו"ד סרפ"ה, שמטעם זה יש דין קדימה למצות מזוזה לשאר מצות שהנשים מחוייבות בהן כיון שחייהן תלויות בה (משא"כ אנשים כו'), עיי"ש.

60) ח"ג רסג, ב. וראה רמ"א יו"ד שם ס"ב.

61) שבועות לט, סע"א.

62) לקו"ת ר"פ נצבים. ובכ"מ.